**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/09/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אז SUNY און אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא שטימען צו פינף-יאר צוזאמארבעט ביי SOMOS אונטערשרייבונג**

***SUNY און UPR וועלן זיך צוזאמפארן אויף סטודענט סוקסעס סטראטעגיעס, פארשונג, גייסטישע געזונט, שטאנדהאפטקייט און אנדערע זאכן***

***בילדער פונעם אונטערשרייבונג קען מען געפונען [דא]()***

דורכאויס די SOMOS 2023 פארטא ריקא קאנפערענץ, האט גאווערנער קעטי האקול היינט געמאלדן אז דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק קאנצלער זשאן ב. קינג, זשר. האט זיך צאמפגעפארט מיט אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא וויצע פרעזידענט פון אקאדעמישע אנגעלעגנהייטן און פארשונג דר. ארעסטע קווערסאדא, וועלכע פארטרעט פרעזידענט לאויס א. פעררער דעלגאדא, אונטערצושרייבן א פינף-יעריגע צוזאמארבעט צווישן די סיסטעמען אויף אייניגע פריאריטעטן אריינגערעכנט סטודענט סוקסעס, פארשונג, שטאנדהאפטיגקייט און סאציאלע באוועגונג.

"די היסטארישע צוזאמארבעט צווישן SUNY און די אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא איז א באווייז אויף אונזער אייניגע אויסקוק פאר סטודענט סוקסעס און זיין אריינגעטון אין די געזעלשאפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גאר נאנטע פארבינדונג צווישן ניו יארק און פארטא ריקא איז געזעצט אין די דערציילונגען פון אינגע מענטשן און די היינטיגע מעלדונג מאכט שטערקער אונזער איבערגעגעבנקייט צו די נעקסטע דור פון פירער."

די לאנג-טערמיניגע צוזאמארבעט פארלענגערט און פארברייטערט אן אפמאך אויפגעשטעלט צווישן SUNY און UPR אין 2018, און וועט מוטיגן SUNY קאמפוסעס צו ארבעטן דירעקט מיט UPR שולעס אויף ענינים וואס ניו יארק, פארטא ריקא און די קאריבעאן ראיאן ספראוועט זיך מיט, אריינגערעכנט:

- סטודענט סוקסעס און שטיצעס;
- צוזאמארבעט אויף ווינסשאפטליכע פארשונג;
- אומגליק אנפירונג, שטודיעס און פארמינערונג און זיך שטארקן, אריינגערעכנט גייסטישע געזונט ביי אן אומגליק;
- צוזאמארבעט אויף שטאנדהאפטיגקייט געדאנקען, אריינגערעכנט, אבער נישט באגרעניצט צו ווידעראמאל באנייען ענערגיע;
- באזוכן דורך פאקולטי מיטגלידער און פארשער פאר קאנפערענצן, סעמינארן, רעדעס און דיסקוסיעס;
- שאפן געלעגנהייטן פאר פאקולטי און סטודענט באוועגונג;
- אנטוויקלונג פון צווייפאכיגע דיפלאמע פראגראמען;
- פארבעסערטע געלעגנהייטן פון אפליקירטע און סערוויס לערנען; און

- פארמערטע פראדוקציע.

אוניווערסיטעט פון אלבאני פרעזידענט האווידאן ראדריגאז און SUNY ESF פרעזידענט זשאואני מאהאני האבן אויך אנטיילגענומען ביים אונטערשרייבן. זייער קאמפוסעס, צוזאמען מיט SUNY ניו פאלץ, זענען ערווארטעט צו פארשן אינווייראנמענטאלע, וועטער און גייסטישע העלט פארשונג צוזאמארבעט געלעגנהייטן. SUNY ESF סטודענטן איווע סידעריס און איזאבעל וואלענטין האבן אויך אנטיילגענומען אין די אונטערשרייבונג צוזאמען מיט UPR סטודענטן אנדזשעל ראדריגאז און דאניאל פערנאנדעז.

**SUNY קאנצלער זשאן ב. קינג, דזש. האט געזאגט,** "אלץ SUNY'ס ערשטע פארטא ריקאן און אפריקאנער אמעריקאנער קאנצלער, איז עס מיר אן עהרע צו נאכאמאל באשטעטיגן אונזער געטרייפשאפט צו סטודענט סוקסעס און פארשונג אין פארטא ריקא און ניו יארק סטעיט דורך מעלדן א פארברייטערטע שותפות מיט די אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא דורכאויס די SOMOS קאנפערענץ. אין צוגאב צו מיין פאמיליע פארבינדונגען, בין איך געווען א הויך שולע לערערין אין פארטא ריקא ביים אנהויב פון מיין קאריערע. עס איז אנגענעם זיך צוריקצוקערן, איבערהויפט יעצט, צו ארבעטן מיט UPR צו פארבעסערן עדיוקעישענאל געלעגנהייטן פאר די בענעפיט פון SUNY און UPR סטודענטן."

**אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא פרעזידענט לואיס א. פעררעא דעלגאדא האט געזאגט,** "דער אוניווערסיטעט פון די סטעיט פון ניו יארק, SUNY, איז געווען א פריינט פון די אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא פאר יארן, און מיר האבן אנטוויקלט פילע סטודענט טוישונגען וואס האבן צוגעשטעלט אייגנארטיגע ערפארונגען פאר אונזער אינגע אוניווערסיטעט סטודענטן. גאר-גרויסע אויספארשונגען זענען אויך דורכגעפירט געווארן. מיט די נייע אפמאך שפירן מיר מורא'דיג קאנפידענט אז מיר וועלן פארזעצן פארצושלאגן פאר אונזערע סטודענטן און אונזערע אקאדעמיקס די בעסטע אקאדעמישע און פארשונג ערפארונגען, כדי צו שאפן פאזיטיווע טוישונגען און ענדערונגען פאר אלע."

**אוניווערסיטעט פון אלבאני פרעזידענט האווידאן ראדריגאז האט געזאגט,** "איך וואלט נישט געווען וואו איך בין היינט, אן די עדיוקעישענאל געלעגנהייטן וואס איך האב באקומען אלץ א קינד און אינגע מאן אין פארטא ריקא און ניו יארק, און איך שפיר זיך קליין יעצט צו זיין אין א פאזיציע צו פארשטארקען די שותפות צווישן UPR און SUNY. מיין ערשטע פאקולטי אויפנאמע איז געווען ביים אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא ביי מייאגאז, און איך בין געווען שטאלץ זיך צאמצושטעלן מיט UPR קאלעגעס דורכאויס די RISE 2019 קאנפערענץ צו אנאליזירן די נאכווייען פון האריקעין מאריא און העכערע עדיוקעישאן'ס ראלע אין פארמערן גרייטקייט און שטארקייט צו קלימאטן טויש. איך קוק פאראויס צו בויען אויף די ארבעט מיט פרעזידענט פעררעא און פארשן וועגן וויאזוי אונזערע אינסטיטוציעס קענען קלוגערהייט אויספירן אויף די לעבנס-טוישנד צוזאג פון א קאלעדזש דיגרי פאר אונזערע סטודענטן."

**SUNY ESF פרעזידענט דזשאואני מאהאני האט געזאגט,** "ESF האט א לאנגע געטריישאפט צו און פארבינדונג אין פארטא ריקא, און מיר האבן געזען ערשטהאנטיג די נאכווייען פון קלימאטן טויש און אינווייראנמענטאלע אומגערעכטיגקייט אויף אונזער טעריטאריע. דורך SUNY'ס צוזאמארבעט מיט UPR, ווערן מיר געמוטיגט צוליב די געלעגנהייט צו ווייטער אנטוויקלען פראקטיקן וואס מען דארף לאקאל אבער זענען זייער וויכטיג אלטוועלטליך."

**SUNY ESF סטודענט איזאבעל וואלענטין האט געזאגט,** "אלץ א 2020 גראדויורטע פון די UPR סיסטעם און א יעצטיגע סעניאר ביי SUNY ESF, בין איך פיל מיט פרייד וועגן די מאמאראנדאם פון פארשטאנד וואס מען האט נעכטן אונטערגעשריבן. פובליק צוטריט צו קוואליטעט עדיוקעישאן איז זייער וויכטיג צו מוטיגן סטודענט מיינונגען און פארעמען א ליכטיגע צוקונפט צוזאמען. די איינזייטיגע שטיצע צווישן SUNY און די UPR סיסטעם האט זייער פיל מעגליכקייט צו שאפן ערנסטע געלעגנהייטן פאר

סטודענט אנטוויקלונג און וואוקס. איך טו זייער פאראויס קוקן צו די אנפאנג פון וואס זעט אויס צו זיין א פראדאקטיווע און לאנג-אנהאלטנדיגע שותפות."

SUNY ESF און UPR וועלן ארבעטן צוזאמען אויף די זעלבע אקאדעמישע און פארשונג פראגראמען און סערוויסעס וואס קאנצענטרירן זיך אויף אינווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט, שטאנדהאפטיגקייט און קלימאטן טויש. די שותפות איז געאייניגט צו שאפן פארמערטע געלעגנהייטן פאר פאקולטי, סטודענטן, שטאב און פארשער. צוזאמען, טוען די צוויי אינסטיטוציעס אויספארשן בויען פראגראמען וואס: הייבן סטודענט סוקסעס און שטיצע; קאנצענטרירן זיך אויף אומגליק אנפירונג און פארמינערונג שטודיעס; און שלאגן פאר פארבעסערטע אפליקירטע און סערוויס-לערנען געלעגנהייטן.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא איז די הויפט פובליק אוניווערסיטעט סיסטעם פון פארטא ריקא. די מערסטנס ספאנישע-שפראך אינסטיטוציע איז אויפגעמאכט פון 11 קאמפוסעס דורכאויס די אינזל און האט אומגעפער 45,000 סטודענטן און 4,500 פאקולטי מיטגלידער.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, וועלכע פייערט זיין 75'טן יערטאג דעם יאר, איז די גרעסטע פולשטענדיגע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארק'ערס וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינע פון די SUNY's 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבערן סיסטעם, האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט' צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצין שולעס, צוויי דענטאל שולעס, א געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע ים-פלאטע שולע, די סטעיט'ס איינציגע קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פירט איין US דעפארטמענט אוו ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2022, אריינרעכענענדיג באדייטנדעביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט [www.suny.edu](http://www.suny.edu).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך אויסשרייבן